STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01335

# INTIME NIGUNIM

## Leib Naidus

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by The F. Weiler Charity Fund*
*in memory of*
*Jack D. Weiler*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב נײַדוס

# אינטימע
# נגונים

ISBN: 0-657-01335-8
Old Call#:96-43, Vol.

לידע
1918

אַלע רעכט
אויף דעם בוך
געהערן דעם
„לייב נײדוס-פאָנד“.

דאָס דאָזיגע ביכעלע „אינטימע נגונים“ האָט דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער **לייב נײַדוס** געהאַט אַליין צוגעגרייט צום דרוקן; אבער דער גרויזאַמער פריהצײַטיגער טויט האָט דעם דיכטער פון זײַן אַרבעט אָפּגעריסען...

נאָר איין טראָפּן פון אַ גרויסן ברויזענדן ים פון זוניגן שטרעבן, געפילן און פארלאנגען איז דאס דאזיגע ביכעלע. מיט טיפן טרויער און דרך־ארץ נעמט אויף זיך דער „לייב נײַדוס־פאנד“ צו פארענדיגן דאס דרוקען פון די „אינטימע נגונים“, וואס בײַ דער דאזיגער ארבעט האט דעם דיכטער דער טויט געטראפן, און מיר ערפילן אויף אזא אופן דעם דיכטערס וואונש—צום באדויערן, זײַן לעצטן וואונש...

**דער לייב ניידוס־פאנד.**

Là est mon âme, là est ma vie.

*Charles van Gerberghe.*

Voraus bestimmt zur Sternen bahn,
Was geht dich, Stern, das Dunkel an?
Role selig hin durch diese Zeit
Jhr Elend sei dir fremd und weit!

*Friedrich Nietzsche.*

אפּט ווילט זיך לאָזען די שורות ניט געוואויגען און ניט געמאָסטען,
ניט אריינקוועטשען דאָס הארץ אין יאמב און אין חאריי,
ס'ווילט זיך ריידען מיט א לשון א איינפאכען און א פּראָסטען,
און ניט שלייפען און ניט טאָקען מיין גליק און וועה...

ס'וועלט עפעס ענג דער משקל, זיינע ד' אמות,
פריי, ניט געצוימט, זאָלען די פערזען געהן,
קלארע און הארציגע, ווי א בליק דער מאַמעס,
אומגעצוואונגען-ווילדע, ווי דאָס לעבען אליין.

ס'וואָרפט-אראָפּ די מוזע די עלעגאנטע שיכלאך, וואָס דריקען,
און, דערשפירענדיג דעם נייעם אומערוואַרטעטען געפיל,
לויפט זי באָרוועס, פריי, מיט א ווילדען ענטציקען,
און זינגט זיך אינטימע נגונים, ווי זי אליין וויל.

# אינטימע נגונים.

## 1.

אונטערן שטערען פון אומרוה לעב איך שטענדיג,
אונטערן צייכען פון אַ ווייטען געהיימען זאָדיאַק;
דער גאָט פון זוכענישען האָט אייגענהענדיג
געחתמ׳עט ביי מיין וויג מיין לעבענס־פסק.

מיין איטליך טראָפּען בלוט האַלט אין טרייבען און איילען;
אָט האָב איך, דוכט זיך, שוין מיין ציל בעהערשט,
נור אָט ווינקען צו מיר מירמעלנע זיילען
פון אַ נייעם טעמפּעל, וואָס אַנטפּלעקט זיך נאָך ערשט.

כ׳לעב אין שטענדיגען ספק, אין שטענדיגען געוואַקעל,
און אין אָפטע נצחונות פון מיין געטערשער לוסט;
נור קיינמאָל, קיינמאָל מאַך איך ניט קיין סך הכל
פון מיינע דערגרייכונגען און פון מיין פערלוסט...

מיט אַ הייליגער ערוואַרטונג איז שטענדיג פול מיין נשמה,
מיר דוכט תמיד: כ׳וועל דערזעהן, וואָס כ׳האָב ניט געקאָנט זעהן;
און מיין גאַנץ לעבען קומט מיר אויס אַזוי ווי אַ הקדמה
צו אַ גרויסער פּאָעמע וואָס דאַרף קומען נאָך ווען...

## 2.

דער פרילינג! דער פרילינג! איך הער זיין שטים שוין,
ער גייט שוין, ער קומט—דער גאָלד־געלאָקטער כרוב!
כ'בין פול מיט זון, כ'בין אַ יונגער שמשון,
וועלטען קענען אויפבליהען פון מיין מינדסטען פרוב.

כ'וויל גאָר ניט וויסען! כ'וויל ניט טראַכטען!
נעהמט־צו מיינע מחשבות! איך דאַרף ניט די רוה!
איך וואַנדער אַרום אין גן־עדן התחתון,
און מיט איטליכען פויגעל בין איך היינט אויף „דו"...

מיינע בעגעהרען? דאָס זיינען דיווילדע שטראָמען,
וואָס יאָגען מיט אימפּעט פון לעצטען שניי;
מיינע חברים? דאָס זיינען אין וואַלד די גנאָמען,
וואָס בעגלייטען מיך אומעטום, וואוהין איך געה.....

מיין יוגענט שיסט־אויף אין די דערוואַכטע בלוטען
ווי קרעפטיגער רייפער ווײַן דורכ'ן שפּונט...
אַדיע, מיין רוהיגקייט מיט דיינע שטילע מינוטען,
מיינע פערטרוימטע רגע'ס—זייט געזונט!...

## 3.

כ׳האָב ליִב די אָרמע זאַמד־פעלדער פון ליִטע און זאַמוט,
די אַלטע, פרומע, מאָכיִגע שטיינער בײַם וועג,
די לאָנקעס מיִט זייער באַשיידענעם גריִנעם סאַמעט,
ווערבעס; ווי נזיִרות, בײַ דער סאַזעווקעס ברעג.

בײַם שייד־וועג היִלצערנע צלמיִם, וואָס זעהען הייליִגע חלומות,
קליינע שקציִם־פאַסטוכער, פרעמד און ווײַט פון כרך,
איינצעלע בעריאָזקעס ווי פערבלאָנדזשעטע יתומות,
אַלטע קלוגע וועגען, וואָס ווייסען אַ סך.

פערוואָרפענע קוזניִעס, קרעטשמעס פערלאָזטע,
הויכע טאָפּאָלען דערבײַ, ווי ריִזען מיִט גרויסע בערד,
אַלטע וואַנדערער־בעטלער, אַזעלכע ליִבע, פּראָסטע,
וואָס טראָגען איִן די פאָלעס די דופטען פון דער ערד...

## 4.

עֶס בּרעֶנעֶן, בּלעֶנדעֶנדיִג, די גאָלדעֶנעֶ זאַמדעֶן,
ווי די גאַנצעֶ וועֶלט וואָלט זיִך איִן אַגאָלד־יִם געֶשיִפּט.
אַזוי ווי אַנ׳אַלטעֶר, יוסטעֶר און ברייִט־בּעֶרדיִגעֶר למדן,
שטייִט בּייַם וועֶג אַ דעֶמבּ, איִן מחשבות פאַרטיִפט.

שטייִט פאַרזונקעֶן עֶפּעֶס איִן אַ וויִכטיִגעֶן ענין,
קוקט זיִך ניִט אום צומאָל אויף דעֶר זייַט;
און פויגלאַך שטיִפעֶרשעֶ אַ גאַנצעֶר מנין
ליאַרעֶמט איִן זייַן גריִנס פרייִלאַך און פאַרשייַט...

וואָס קעֶן עֶר קלעֶרעֶן, וואָס טראַכט עֶר—ווער ווייִס איִם?
און די פויגעֶל פליִהעֶן העזה׳דיִג אויף זייַן קאָפּ
ווי צולאָזעֶנעֶ יונגעֶ זאָרגלאָזעֶ קונדסיִם,
וואָס רייַסעֶן זייעֶר רבּי׳ן פון זייַנעֶ געֶדאַנקעֶן אָפּ...

## 5.

ניט רעדט מיר מעהר וועגען ליבע.
זי איז שוין געשטארבען לאנג.
ניט רעדט מיר מעהר וועגען ליבע.
עס טוט דעם הארצען אזוי באנג.

איך גלויב ניט מעהר אין די קושען.
מיין הארץ איז שווער—ווי אגעקוילעט עוף.
איך גלויב ניט מעהר אין די קושען.
אין זיי דרעמעלט שוין זייער סוף.

ניט רעדט מיר מעהר וועגען ליבע.
זי לייגט, ווי א גנב פאר'ן געריכט.
ניט רעדט מיר מעהר וועגען ליבע.
לאזט מיר צינדען איר נשמה־ליכט...

## 6.

אין די גערטנער פֿון מײַן טרויער איז שטענדיג בין־השמשות,
דאָרטען ליגט אַ פֿאַרזיכטיגע שטילקײַט צושפּרײַט;
חדוה און זון האָבען דאָרטען ניט קײַן ממשות,
דאָרטען װאַכט אַ הױכער אײַפֿערזיכטיגער פֿלײַט,

דאָרטען בליהען נור שטילע הײַליגע אימאָרטעלען,
דאָרטען װאַקסען נור װערבֿעס טרױעריגע בלױז,
און פֿײַנליך קלינגען רירענדע טרעלען
פֿון נאַכטיגאַל, װאָס בלוטיגט אױפֿ׳ן דאָרן פֿון רױז.

װי אַ מאַסקע פֿון אַ טױטען קוקט אַ לבנה אַ קראַנקע,
עס גליװערט אַזױ קאַלט אױפֿ׳ן טױ איר שײַן,
און ערגעץ טיף אין שאָטענס פֿון אַ טרױעריגער אַלטאַנקע
ליבּט־זיך דאָס קעניגליך פּאָר—די פֿאַרצװײַפֿלונג מיט דעם פּײַן.

אין די גערטנער פֿון מײַן טרױער שװימען אַרום שװאַרצע שװאַנען,
שװימען שװײַגענדיג שװאַנען אױפֿ׳ן שטילען באַסײַן;
און דער שאָטען פֿון מײַן גליק קומט צוגעהן פֿון װאַנען
מיט דערשטיקטען, האָפֿנונגסלאָזען, אײַנגעהאַלטענעם געװײַן.

## 7.

אויב איר ווילט, קענט איר די שטאָט אין מיין נאָמען גריסען,
איך בלייב מיר אָבער דאָ, ביים סאָסנאָוועץ וואַלד,
דאָ טרינק איך דעם דופט—ממש יין קפּריסין,
דאָ טראָג איך די זון אין מיין יעטווידען פאַלד.....

טוט א קוק—ס׳עפענט די ערד דאָ אַלע אוצרות אירע,
דאָ קען איך שעפּען פון איר אייביגען קוואַל,
דאָ קען איך מיך באַהעפטען מיט דעם בורא׳ס יצירה,
און פיהלען דאָס גליק פון יחיד אין זוניגען כלל...

ווי האָב איך גאָר פריהער ניט געקענט פאַרשטיין עס,
אַז דאָס אייִנציג גליק, מיין לעבענס גאַנצער תוך
איז צו זיין ווי אַ קליין קיהעלע משה רבנו׳ס,
וואָס קריכט אַזוי פאַרזאָרגט אין גרינקייט פון מאָך!....

## 8.

כ'האָב מיך אַרויסגעשלייכט ביינאַכט דורכ'ן לבנה'דיגען גאָרטען
צו די ציגייַנערשע געצעלטען אין גרינעם טאָל,
וואו די יונגע דזשיימאַ האָט מיר געלייגט קאָרטען
אַון גערעדט פון עבר מיט איר גאָרגעלדיגען קול.

אלע האָפנונגען, ערוואַרטונגען, וואָס כ'האָב לאַנג געוועזען מקבר,
האָבען פלוצלונג פון זייערע געהיימע קברים ערוואַכט;
און פערליבט האָב איך געקוקט אויף די טאָכטער פון טאַבאָר,
אויף איר טונקעל־הויטיגע ברוסט, אויף איר אָריענטאַלישע טראַכט.

באַלד צעוואַרפט זי ווידער די דאַמען, די וואַלעטען,
און זאָגט איר נביאות אַזוי ליב־פאַרשייט,
אַז איך ליב זיך אַצינד אין אַ יונגע שלאַנקע ברונעטין,
און ס'וואַרט אויף מיר אַ גליק, וואָס איז שוין ניט ווייט.....

זי האָט געטראָפען, די דזשיימאַ: אין אַ ווינקעל אַ פאַרשטעלטען
האָב איך זי נאָכדעם געצערטעלט ביז וואַהנזין, ביז פיין;
ביז אויף די צעוואָרפענע ווייסע לייוועגטענע געצעלטען
איז פרעמד און קאַלט געפאַלען דער ערשטער שיין.

## 9.

כ'האב ליב, דזשיימא, דיין תאוה-בליק, דעם פער'חלש'ט-מידען,
די חוואליעס פון דיינע לאקען—שווארץ ווי קייל,
דיינע פארביגע טראנטעס—טייערע שטאפען פון צדון,
דיין פינסטערעס אויג—א מדבר'שער הייל.

ווי שיין דו ביזט, ווען דו ליגסט אזוי ווילד-עלעגיש,
און א לאנגער שאטען פאלט פון דיין ברעם;
מיר דוכט זיך: דו ביזט איונגע, שלאנקע פלגש,
געבראכט אהערצו פון ערגעץ א ווייטען הארעם.

ביזט צארט ווי א פאווע-פעכער, און שלעכט ווי א פוריע...
מאדנע פינקלען דיינע אויירינגלעך, די אלטע פרוטות ארום ברוסט,
ווי מען וואלט זיי ערשט ארויסגראבען פון אונטער חורבות אין סוריא,
וואו גאנצע דורות אין שטויב האבען זיי שלאפען געמוזט...

ליג רוהיג אויפ'ן טעפיך, מיין ווילדע, צארטע,
עפען דיין גראנאטען-מויל, די אויגען פארמאך...
הויך איבער אונז שטייט ערגעץ א סטארטע,
און איר שטרייגער בליק—ווי א סרים אויף דער וואך...

---

## 10.

ברייט פלייצט אין אונזער וועלט דער מבול
פון קויטיגער געמיינקייט סיי־נאכט און סיי־טאג;
ער פלייצט און רוישט און איז קאפאבעל
פארטרינקען דאס רײנסטע, וואס איך פארמאג.

נור בחנם זיין מיה, ער וועט ניט זיין בכח
מיין וועלט צו פארשלעפען אין פרעכען שטרוים;
איך שווים, א באשיצטער, ווי פארצייטען נח
אין דעם זיכערען געצעלט פון מיין העלען טרוים.

כ׳שיק צומאל ארוים א שליח בגנבה
עהן, צו ס׳האט זיך שוין וואו אויף זון געשטעלט;
און רוהיג שווימט דערווייל מיין תבה
דורך די ברודיגע חוואליעס, וואס פלייצען אויף דער וועלט.....

## 11.

הערען דעם טרוקענעם רעדער=רויש, וואָס קלינגט אַזוי נישטיג,
באַגעגנען דעם טאָג, וואָס האָט נאָך קיינמאָל קיין טעות ניט געהאַט,
ווידער אָנצוטאָן זיך צילאָז, און, זעצענדיג זיך צום פרישטיק,
אַדורכקוקען געשווינד די נור=וואָס אָנגעקומענע בלאַט...

אַוועקוואַרפענדיג אין עקעל די שרייענדיגע אַנאָנסען,
אַרויסאַיילען אין גאַס, וואו—שפעט צי פריה—
שמייכעלט תמיד אַראָפ אַ זאַטע צופרידענקייט פון די וואָנסען,
און פון פרויען=בליק—די ביליגע און באַנאַלע קאָקעטערי!....

פאַרנאַכט. ביי זיך אין צימער. הינטערן וואַנט—פאַלשע גאַמען;—
דאָס לערענט זיך שפילען פיאַנע די טאָכטער פון בעל=הבית.
ערגעץ פאַרגייט זיך אַ זויגלינג אויף דער ברוסט פון זיין מאַמען;
אַ הייזעריגער שכור שילט עמיצען אָהן אַ מאָס.....

עס ציהען זיך די שעה׳ען, אַזוי פויל און פאַמעלעך
ווי די בלינדע ווערים, וואָס קריכען אונטער דער ערד נאָכאַנאַנד;
און איך פיהל מיך, ווי אַ יונגער פאַרבלאָנדזשעטער בן=מלך,
וואָס איז פאַרטריבען פון זיין בלומיגען, ווייטען לאַנד.....

## 12.

זײַן אַלײן, אַלײן, איִנגאַנצען אַ פרײַער.
פאַרגעסען אַלץ, נאָך װאָס איִך בײַנק און איִך גאַר.
אַבי — אַ װאַרימער קאַמין, אַ פלעשל טאָקײַער,
אַ טרײַער הונט און אַ גוטע ציִגאַר.

זײַן אַלײן, אַלײן, מעג היִנטער די פענסטער ברויזען,
מעג דאָרט ליאַרעמען און שרײַען דער מאָדערנער סדום, —
איִן מײַן אײַנזאַמקײַט װעלען אויפבליִהען די שענסטע רויזען,
און, װי אַ שװאַן, קומט צושװיִמען דער שענסטער טרוים.

זײַן אַלײן, אַלײן, מיִט קײנעם זיִך טרעפען.
אַראָפּװאַרפען פון זיִך די אַלטעגליִכע לאַסט.
און װעט דער פוסטער טומעל איִן טיִר אָנקלאַפּען: עפען!
װעל איִך לאָזען איִן פיִרהויז דעם אומגעבעטענעם גאַסט...

## 13.

איצט, נאָך דער באָבעס טויט, קום איך אָפט אין איר קאַמער,
פון ווייטע דורות קומט מיר אַנטקעגען אַ גרוס;
שטיל בלעטער איך די ספרים מיט'ן אַלטען אַמסטערדאַמער
אָפּגעוועלקטען, ליבען, אויסטערלישען דפוס...

איך מיש־דורך די פאַרגעלבטע בלעטער פון די גראָבע סדורים,
די באָבע פלעגט מיט כונה דאַווענען אין זיי.
דאָ פלעגט ווערען איינגעשטילט איהר האַרציגער שטורים,
און טרערען פלעגען פאַלען אין תפילה־וועה...

אלץ בענקט נאָך דער באָבען איצט,—ווי קלאָר איך דערקען עס!—
די ערד—נאָך אירע פאַנטאָפעל; נאָך איר שאָטען—די וואַנט,
און די אַלטע, פאַרלאָזענע צאינה וראינה'ס—
נאָך איר ליבער, ביינערדיגער, זקנה'שער האַנט...

## 14.

דו גרויסער, גרויסער! עפען דיינע טויערען,
הער־צו אונזער תפילה און דיין חסד נויג,
שיק אראפ דיין ווארט צו אונזערע לעכצענדיגע אויערען,
שיק אראפ דיין שיין צו אונזער הונגעריג אויג.

דו ווייטער, ווייטער! טו צו אונז באווילינגען,
דו, וואס דו האסט אונז באשאפען אין דיין אייגענעם דמות,
לאז ניט, דערלאז ניט די נאכט זאל אונז פארטיליגען,
שטארק אונזער ארעם, אונזער וואקעלדיגע פוס.

וואס ווייסען מיר און וואס קענען מיר, מיר—וועלכע וואנדערען
און לאזען זיך פארפירען פון איטליכען וועג;
מיר קוקען פארגאפט איינער אויף דעם אנדערען,
און ווי צושראקענע שאף אנטלויפען אונזערע טעג....

וואס ווייסען מיר און וואס קענען מיר, מיר—שוואכע, קורצזיכטיגע,
ווי דערפרוירענע קינדער ווארטען מיר אויף דיין שיין.....
עפען זשע, עפען דיינע טויערען די ליכטיגע,
און לינדער ווי א טאטע אונזער שווערען פיין!—

## 15.

ווי בלוי היינט די גליה-ווערים אין די קוסטעם ברענען,
א ווינטעל טוט נור ערגעץ אַ זיפץ צומאָל;
היינטיגער אָוועגט איז אַזוי עהנליך אויפ'ן וואַלצער פון שאָפּענען,
אויפ'ן שטילען ווייבליכען וואַלצער Cis-mol.....

אַזוי רירענד-באַנג שטייט די בליהענדיגע אַקאַציע,
ווי דער מלאך פון טרויער וואָלט זי געבענטשט בסוד;
און איידעל-שען איז די טרויריגע גראַציע
פון די קיניגליכע קרעם-רויזען, וואָס טרוימען אין סאָד.....

אומעטום קען מען אַ שפור פון בייגקשאַפט דערקענען,
די לבנה קוקט מיט מיטלייד, דערמאָנט אָן אַמאָל,
און אַלץ אַרום איז עהנליך אויפן וואַלצער פון שאָפּענען,
אויפן ליבען און ציטריגען וואַלצער Cis-mol,....

## 16.

זי איז אַלט געוועזען דאַמאלס אינגאַנצען אַ יאָר זעכצעהן.
ס'איז געווען דאַן סיון. אין אַן'אַלטען פאַרק.
אירע ליפּען האָבען נאָך ערשט אָנגעהויבען צו ליבען און לעכצען,
און מײַן ליבע איז געוועזען אַזוי שען און שטארק.

כ'האָב איר פאָרגעלייענט אין כתב־יד מײַנע נײַע שירים,
איר געווידמעטע סאָנעטען, פול מיט דופט און גאָלד;
זי האָט שטיל געהערט און האָט מיט איר קליינעם שירעם,
דאָס קעפּעל געבויגען, עפּעס אויפ'ן זאַמד געמאָלט.

זי האָט מורא געהאַט אויפצוהויבען איר בליק איר פאַרליבטען,
און כ'האָב געמערקט נור צומאָל, ווי איר פראָפיל ברענט;
און פאָרזיכטיג האָב איך געהאַלטען מײַנע מאַנוסקריפּטען,
ווי איך וואָלט עס געהאַלטען מײַן צאַפּעלדיג האַרץ אין די הענט.....

כ'האָב געענדיגט לייענען. אין שווײַגען אין טיפען
זײַנען מיר לאַנג געזעסען דערנאָך שטילערהייד.
און אויפ'ן זאַמד די נאַכלעסיגע, ליבע הירעאָגליפען
האָבען אויסגעזעהן ווי אַ פּאָעמע פון אירע טרוימען און פרייד...

## 17.

פאַר אַ שטורים. די בוימער פירען אַנ׳אומרוהיגען שמועס,
די וועלט איז געבליבען שטיין אַזוי ווי אין ערוואַרטונג פאַרגאַפט;
אָט האָבען זיך צושאָטען עטליכע דראָבנע תרועות,—
דאָס פרובט ערגעץ הינטער בערג אַיונג דונערל זיין קראַפט...

דורך דעם הימעל דעם בלייערן־נעבעלדיגען, טריבען,
טוען בליצען אין דער נאַכט אַ צוק פון צייט־צו־צייט,
ווי אַנ׳אומזעהבאַרער מכשף וואָלט ריזיגע שוועבעלאַך געריבען,
וואָס לעשען זיך פון ווינט אין דער טונקעלער ווייט.....

שפּעט. שפּעט. ס׳מוז, מסתמא, זיין צוויי אַזייגער.
שאַ, אָט קנאַלט אַ דונער אין דער אַנטשוויגענער נאַכט,
און ס׳דוכט, דער אימה׳דיגער גרויסער קטיגור
האָט זיך פלוצלונג מיט אַ משונה׳דיגען געלעכטער צולאַכט.....

## 18.

איך בין נעכטען געווען מיט דיר אין קינאָ,
וואו אין דונקעל עפענט זיך אַ וואונדערליך לאַנד,
וואו דאָס לעבען קוקט מיט אַ פּיינליכער קנאָה
אויף די ווייטע כּשוף־וועלט, וואָס אָטהעמט אויפ׳ן געוואַנד.

ס׳האָבען געוויגט זיך פּאַלמען, בּעגאָסען פון לבנה,
און עמיצענס ליבּע איז געוועזען אַזוי גרויס ווי מיין טרוים.....
בּיי דער דעקאָלטע פון מיין שכנה, אַ יונגע בּאָננע,
האָט פון ענטציקונג געציטערט דער שפּיצען־זוים.

אַזוי טרויעריג האָט געשפּילט דער סטרונעגער אָרקעסטער,
געשפּילט די רירענדע „עלעגיע״ פון מאַססנע,
און אונזערע הענט האָבּען זיך געקייטעלט אַלץ שטייפער און פעסטער
און שטיל געבּרענט האָט מיין הארץ—דער היילינער סנה.....

און אַז כ׳האָב דיך אָבּגעפירט פון קינא צוריק אויף אַ שליטעל
און אַז אויסגעלאָשען לאַנג שוין האָט זיך די לעגענדע פון עקראַן,—
האָט בּיי מיר אין צימער צובליהט אַ נייער קאַפּיטעל
פון אונזער אייגענעם, לעבּעדיגען, גרויסען ראָמאַן.....

## 19.

אויפ׳ן איינגעשלאָפּענעם וואַסער שפּילען זיך קיין פּיש מעהר,
ערגעץ הירזשעט אין די פעלדער אַ געפּענטעטער פערד;
עס שטייט שוין די לבנה אויף איר שטרייגנגען משמור,
און גיט השגחה אויף דעם שלאָף פון דער מידער ערד.

פאַרגאַפּט און פאַר׳חלום׳ט ווי אַ סאָמנאַמבולע, שטעה איך,
פון אָבענט־טויען שטייגט אין דער וויטקייט אַ רויך;
דער טאָג איז זיך דאָס מקריב אויף אַ פאַרבאָרגענעם מזבח,
און זיין קרבן־רויך איילט עס צו די הימלען אין דער הויך.

עס דוכט זיך: אין דער הייליגער נירוואנע בודע׳ס
האָט זיך פאַרגעסען די גרויסע, שווייגענדיגע וועלט;
און די שטערען קוקען ווי זילבערנע נקודות
אונטער געהיימע אותיות, וואָס זיינען פון אונז פאַרשטעלט.

## 20.

די טאפאליען שטייען אזוי ווי יונגע גבורים,
די בלומען אטהעמען, ווי עמיץ וואלט זיי באזעלט;
לאמיר פאלען, מיין געליבטע, לאמיר פאלען כורעים
פאר דעם געהיימען חלל פון דער גרויסער וועלט.....

ווער ווייס, מיין טייערע, וואס איז הייליגער און גרעסער:
אונזער ליבע, ציא אפשר גאר אט די נאכט,
וואס טראגט דעם זילבערנעם קאלטען כתר
און כשופט די וועלט מיט איהר שטרייענגער פראכט.....

פאל כורעים, ליבסטע, פאר די טויזענדער דופטען,
פאר די שטערען, וועלכע דו זעהסט ניט און וועלכע דו זעהסט;
מיר זיינען צוויי נישטיגע אטאמען אין לופטען,
מיר זיינען צוויי צופעליגע, ארעמע געסט.....

## 21.

די זון האָט צעוואָרפען דראָבנע גאָלדנע גרעשעלאַך
אויף דער רונדער סאַזעווקע, וואָס ליגט אין רוה;
ס'קוואַקען בנעימותדיג ביים ברעג די יונגע פרעשעלאך,
זינגען א הייליגע שירה צו גאָט ברוך הוא.....

עם הייגגען ווי רויטע פאטשערקעס די פולע ווייגפערלאך,
פון די שמעקעדיגע גראָזען א ווארימקייט הויכט;
און מען פיהלט ממש, מען זעהט בעשייגפערלאך
ווי גאָט'ס וועלט צייטיגט, רייפט און הנאה'דיג לויכט...

די בלעטער שמאַכטען פון היץ, נאָך אַ טראָפען טוי חלש'ען,
די רויזען נויגען אַראָפּ די קעפּעלאַך שטיל;
און נור דאָס קוועלכעלע ציהט זיין נגון זיין מוזיקאַלישען,
ווי ער וואָלט פלאַפלען קינדיש: „מיר אין קיהל,... מיר איז קיהל"...

אויפ'ן גאַניק אויסגעצויגען, מיד פאַרוואָרפען די קעפּעלאַך,
צוויי ציגלאַך וואַרעמען זיך בהרחבה אויף דער זון;
און דערנעבען אַנ'אַלטער פויער אויף די אויסגעקרימטע טרעפעלאַך
שטאָפּט-אָן זיין ציבעק מיט דעם אָרימען טיטון...

## 22.

מײַן קינד, בינד מיך ניט מיט דער גרויער התחייבות,
טהו ניט אָן אויף מײַנע פאַרלאַנגען קײַן שום צוים;
טרינק פון אַלע מײַנע אַנטציקונגען און פון אַלע מײַנע תאוות,
און פרעג ניט, צי לאנג וועט נאָך דויערען דער טרוים.

די ליבע האָט ניט ליב וועגען ליבע צו פרעגען,
אין דער רגע, וואָס מען פרעגט, הערט זי אויף צו זײַן;
געה בלינד און פאַר׳שכור׳ט אלע פײַערען אנטקעגען,
קוק אין אלע וואהנזיניגע תהומות אריין.

אזוי לעב איך שטענדיג. און ווערט א לעגענדע חרוב,
ווייס איך: ס׳קומט א צווייטע, כאָטש איך ווייס ניט ווען און וואו...
בינד מיך ניט, קינד מײַנס! איך קען ניט זײַן ערב
פאר דאָס, וואָס דער מזל גרייט אין עתיד מיר צו.

## 23.

כ'האב ווידער דיך היינט געזעהן, אזוי צופעליג. אין טעאטער.
דו ביזט נאך קיינמאל, קיינמאל ניט געוועזען אזא.
ס'האט צארט געברענט דאס בראסלעטען־גאלד אויף דיין האנט דער מאטער,
און דיין בלאנד קעפעל האסטו געטוקט אין ווייסען, פוכיגען באא.

ווי אין א טונקעלען אלקאוו ביזטו געזעסען אין דיין לאזשע,
געשמייכעלט צופרידען נעבען דיר האט דיין צוקינפטיגער מאן;
און מיין בליק האט זיך אזוי הילפלאז געבעטען: „א ניט דערלאז זשע
עס זאל שטארבען אונזער ווייסער, אונזער ציטעריגער שוואן"...

כ'האב געשיקט צו דיר דורך א דינער עטליכע חריזאנטעמעס,
קרעם־בלאסע—ווי דיין שולטער, און צארטע—ווי מיין געדאנק,
און אזוי טרויריג זיינען זיי געווען, ווי זיי וואלטען געוואוסט דעם גאנצען אמת,
ווי זיי וואלטען פארשטאנען די שליחות פון אזא מין געשאנק...

ביזט אויפגעשטאנען ביים אנטראקט, די רינגען האבען געטאן א פינקעל
און, רוישענדיג מיט'ן זיידענס, ביזטו ארויסגעגאנגען אין פאיע;
ביזט געווען אזוי שטרייננג, און נור אין דיין מויל'ס צארטען ווינקעל
האב איך דערזעהן די ווייטע נאכט, ווען דו האסט געזאגט מיר: „יע"...

## 24.

ס׳לאָזט ניט אָפּ מײַן קאָפּ אַ לאַנגזאַמער װעהטאָג.
כ׳ליג אין בעט און צייל די טאַפּעטען=בלימלאַך אויף די װענט.
דורכ׳ן פענסטער קוקט אַ קלאָרער, אַזאַ ליבער, שניי=טאָג,
אַ װײַסער און קאַלטער װי מײַנע מידע הענט.

די מאַמעשי גערט אַרום באַזאַכט אויף די שפּיץ פינגער,
נעבען מײַן בעט רויכערט דאָס מאַטע גאָלד פון בוליאָן;
עמיץ פרעגט מיך אַזוי פאַרזאָרגט: „נו אפשר אַביסעלע גרינגער?"
און עס װיגט מיך אַזוי ליב דער רירענדער טאָן.

געקומען מײַן ליבסטע מיך זײַן מבקר חולה,
איר היטעלע און איר פוטער=קראַגען אַזוי היימליך פאַרשנייט;
זי בויגט זיך אָן צו מײַן שטערען מיט אירע ליפּעלאַך װאװילע,
און אַ יונגע װינטער=פרישקייט פון אירע קליידער װעהט.

ס׳לאָזט ניט אָפּ מײַן קאָפּ דער לאַנגזאַמער װעהטאָג,
כ׳קוק אויף די רפואות=פלעשלאַך, װאָס זענען מיר אַזוי בעקענט.
דורכ׳ן פענסטער קוקט אַ קלאָרער, אַזאַ ליבער, שניי=טאָג,
אַ װײַסער און קאַלטער, װי מײַנע מידע הענט.

## 25.

בײַ דער מוזיק פון קווינטעט און בײַם קלאַנג פון גלעזער
האָסטו געטאַנצט אויף דער עסטראַדע דעם טאַנץ פון לוסט.
די טײַערע, אַזשורנע שפּיצען די געגוועזער
האָבען ריטמיש געאָטהעמט אויף דײַן אַנטבלויזטער ברוסט.

דײַנע ווײַבליכע עלענבויגענס, די דינע און ראָזע,
דער שפעוי פון דײַנע לענדען, דײַן בויגזאַמקײַט בכלל,
דײַן מינדסטער פאַ, דײַן איטליכע פּאָזע—
איז פון שײַנקײַט און תענוג אַ געהײַמער של.

דײַן קלײד האָט זיך דורשטיג געטוליעט צו די גלידער,
געפּליסטערט און געשאָרכט: „כ׳האָב דיך ליב! כ׳האָב דיך ליב!״..
און דער פערליבטער פאַגאָט האָט, פון אײַפערזוכט אַ מידער,
געזיפצט אַזוי תאווה׳דיג, אַזוי תאווה׳דיג און טריב.

ביזט אַראָפּ מיט אַן׳עלאַסטישען בויג פון אַ טיגער,
און אַ פאַליע טײַערע פּאַרפומען האָט געטאָן אַ שטראָם;
ביזט צוגעגאַנגען צו אַ טישעל, און מיט אַ זשעסט פון אַזיגער
אָנגעגאָסען, אַ צוהיצטע, אַ באָקאַל מיט ראָם.

## 26.

א חשון=רעגענדעל טריפט, פויל וויא׳קעט דער בעל=עגלה,
כ׳זעה מײַן הויף שוין פון דער ווײַט, וואס איז מיר אזוי בעקענט;
באלד וועט דורכציטערען אין אלטען זאל די געליבטע בארקאראללע
אונטער מײַנע גליקליכע, ציטעריגע, ענטציקטע הענט...

ס׳וועט קיינער דארטען ניט וואגען מײַן טרוים צו זײַן מטמא,
כ׳וועל אויפסנײַ אין טויבען=שלאק געבען עסען דעם ווײַסען געזינד,
אונטער איר ווארעמען שוץ וועט מיך ארונטערנעמען מײַן מאמע,
און איך וועל ווידער זײַן ווי א קליין צופּיעשטשעט קינד.....

אין הארבסטיגע אבענטען, אין היימליכען קרײַז פון קרובים,
וועל איך פארלייענען פון פרץ׳ן ביים שוואך=בעלויכטענעם טיש;
און די באבע וועט מיר דערציילען וועגען שרה בת=טובים,
צי וועגען יונה הצדיק, וואס ס׳האט אים אײַנגעשלונגען דער פיש...

שטיל זיפּט דער חשון=רעגענדעל. עס סקריפּעט דער וואגען.
בלאטע. געלע בלעטער. די לופט איז פײַכט און קיהל.
א נאסע בעריאזקעלע, ווי א ישוב=קינד נאכ׳ן צוואגען,
בעגריסט מײַן צוריקקעהר מיט א ברכה אין דער שטיל...

## 27.

אין אַלטען הויז זינגען אַזוי אומעטיג די טירען.
אין אַלטען הויז איז אלץ אזוי לבנה׳דיג=קאלט.
ווי ס׳וואָלטען מיך שאָטענס פון מצבות בעריהרען,
ווי ס׳וואָלט ערגעץ געדאוועט אַ טייערע געשטאלט.

איך האָרך צומאָל מיט א בעהאלטענעם ציטער
אין בלויער מנחה=שעה צי אין גאָלדענעם אין דער=פריה,
ווי אויף דער וואזע זיפצט דער בלומען=קראנץ דער פערבליהטער
ווי טרויריג ביים טיר עס רוישט די שווער=זיידנע דראפרי.

פאָרזיכטיג בעריר איך דעם אלטען טעפיך דעם צושפרייטען,
וואו עס שלאָפט דאָס עכאָ פון די אבגעקלונגענע טריט;
אומעטיג קוקען אויפ׳ן טעפיך די אויסגענייטע קווייטען,
וואָס האָבען אמאָל מיט פארביגע זיידענס געבליהט.

און עס דוכט זיך מיר אָפט: כ׳זעה דורך נעבלען דינע,
ווי עס שלייכט זיך אדורך דורך דעם טרויער=גלאנץ פון פארקעט
א פרויען=געשטאלט אין אנ׳אלטער ברייטער קרינאָלינע,
וואָס וויגט זיך אין א גראציעזען, לופטיגען מענועט.

## 28.

אין סעפּטעמבער־נעכט, ווען דו זיצסט נעבען ים ביחידות,
לויכט אזוי דורכזיכטיג זײן לבנה׳דיגער שמאראגד;
עס שווימען ארום שלאנקע און בויגזאמע נערעאידעס,
געהארכזאמע דער שעה פון נאכטיגער יאגד.

שטיל איז די נאכט, און שטערען פאלען, פאלען,
שטעלען־אונטער די ים־צויבעריננס זײערע בלאסע הענט,
און די הויפענס ווערען פול מיט קלײנע אָפּאלען,
וואָס לויכטען זיך און שטראלען אזוי ציטעריג און צוברענט.

שטעקען אָן די שטיפעריננס, ווי זילבערנע בראָשען,
די שטערען אין די לאָקען און אין לופטיגען־קלײד,
און לאַכען און סודען זיך עפּיס שטיל אויף זײער לשון,
און פאַרשווינדען צוריק שטילערהײד...

## 29.

אונזער גורל ווערט באַשטימט פאָרויס, מיט דורות,
איטליכער איז דעם מזל'ס געטרייַער שקלאַף.
אונזערע ביידענס נשמות, נאָך אין דער האַנט דעם בורא'ס,
האָבען געמאַכט צווישען זיך אַ געהיימען תקיעת־כף.

מיר האָבען געלעבט צווישען כרובים, צווישען די קינדישע טרוימער,
און אַלע קינפטיגע מעגליכקייטען האָבען אין אונז געשטראַלט;
ביז מיר זיינען ביידע געקומען אין דעם לאַנד פון חומר
און מגולגל געוואָרען אין אַנ'ערדישע געשטאַלט.

אין אַ גרויסער שטאָט, וואו אַזוי פיל ליכטער געגאַרען,
וואו דאָס ערדישע לעבען שפּילט איר קויטיגסטע ראָל,
האָב איך דיך איינמאָל דערזעהן אויף איינעם פון טראָטואַרען,
און מיין נשמה האָט דיר אָנגערופען אונזער געהיימען פּאַראָל.

קיינער, קיינער וועט ניט קאָנען איצטער אונז צושיידען;
און אין שעה'ען פון אונזערע ליבע־מיסטעריעס, פון פייַנליכען גליק
אַנטפּלעקט זיך אין שטראַלען דאָס ווייטע כרובים־לאַנד אונז ביידען
און מיר דערהערען אַ הייליגע, בעקאַנטע מוזיק...

## 30.

דו ביסט א צארט יחוס־קינד פון דער אײדעלער שליאכטע,
כ׳זעה דיך אפט ארויסגײן פון טעמפעל אין דער פריה;
דו גײסט אזא בארוהיגטע, אזא מוטערליך־פארטראכטע,
געלײטערט פון די תפילות פאר דער הײליגער מארי!

א גאטספארכטיגע, פארלאזטו שטיל דעם קלויסטערשען גדר,
פארזיכטיג האלטענדיג אין דער בלײכער האנד
דעם געבעט־בוך מיט׳ן גאלד־שניט, געבונדען אין שווארצען לעדער,
און דערבײ—פון שווארצע תפילה־פאטשערקעס א לאנגען באנד.

דײנע שמאלע פינגער מוזען שמעקען, מסתמא, מיט קטרת,
אין דײנע אויערען לעבט שטענדיג דעם ארגעל׳ס שפיל,
דײן קאטוילישע בלוט פליסט באשײדען און אײנגעהאלטען פון דורות,
און ווי די לופט אין א גרויסען טעמפעל, מוז דײן הויט זײן קיהל.

שטום שלײכסטו פארבײ מיט דײן גאנג דעם לײכטען,
נור איך ווײס, אז דו זעהסט מיך... און אין אבענט אויף די קניה,
ווען דו בעטסט פאר דײנע נאהנטע מיט א בליק א פײכטען,
בעטסטו אפשר אויך פאר מיר בײ דער הײליגער מארי.

## 31.

ס׳איז הארבסט. די זון טוט שוין זעלטען א בריה, אַ שרפע,
אומזיסט האָט די ערד נאָך יונג צו ווערען געפּרובט;
ווי דינע סטרונעס צופּליקטע פון א כרוב׳ם א הארפע
שוועבט זיידענע שפּינוועבס אין דער אָבגעקילטער לופט.

ווי קרענצלאך רויטע קרעלען אויף אנ׳אטלאס א גרינעם
פלאמען אין גרינס די פּורפּור=הײנגלאך פון צײטיגען בארבארים;
און אין קאָרן זיך צו בעהאַלטען זוכט דער האָז בחנם,
און טראָגט זיך ווי מבולבל אויף זײנע דינע פּים...

באנגער, אומעטיגער און אנטבלויזטער ווערען ארום די לאנדשפאטען
עס קלעמט דיך דער דופּט פון דעם לעצט ביסעל היי;
עס שמעקט שוין מיט עפּעל פון גאָרטען=שומר׳ס קאפּטען,
און ערגעץ פאלט אַ גאָלד=בלאט אין שטילען וועה...

## 32.

גוטע, ליבּע ערד, מאמע און שוועסטער,
כ'בּין איצט מיד ווי דו, און דו—ווי איך;
דריק מיך צו זיך, טוליע מיך פעסטער,
און לאָז מיר, אָט אזוי, דיך פרעסען צו זיך...

מײַנע לאָקען פאלען, ווי די צווײַגען פון דײַנע ערבות,
אויף די נאקעטע ברעגען פון דעם אלול־טײַך;
הארך—עמיץ זינגט: „צדקה תציל ממות!"—
דאָס באגראָבט מען מײַן זומער, און אויך דײַנעם צוגלײַך...

עס געהען פון צפון לאַנגזאַמע קעלטען,
ליג רוהיג, ערד, אין די אָרעמס בײַ מיר;
אזוי ליגען אַרומגענומען צוויי מידע וועלטען,
צוויי פאַרלאָשענע חלומות פאַר'ן ווינטערס טיר...

# דער „ליִב נײַדוס־פֿאָנד“

ברײנגט אין געהעריקן סדר די פֿאַרבליבענע ווערק פֿון ליִב נײַדוס. גאָר אין גיכן וועלן זיך אנהויבן דרוקן

## אָריגינעלע:

1) מײַן פֿאָלק,
2) דאָס בוך פֿון פּאָעמען,
3) ליריק, II באַנד,
4) ליטווישע אראַבעסקן.

## איבערזעצונגען:

1) יעווגעני אָניעגין, פֿון פּושקין,
2) פּושקינ׳ס לידער,
3) לערמאָנטאָוו׳ס לידער
4) בלומען פֿון שלעכטס פֿון שארל באָדלער,
5) פֿון וועלט־פּאַרנאַס,
6) אַנטאָלאָגיע פֿון דער פֿראַנצויזישער ליריק.

דער גרעסטער טייל פֿון די ווערק וועלן זיך דרוקן אין אידישן פֿאַרלאַג בײַם ליטווישן בילדונגס־קאָמיסאַריאַט אין ווילנא.

פּרייז 2 מאַרק

פאַרלאַג „לייב ניידוס-פאָנד", גראָדנע.

דרוקעריי פון געזעלשאַפט לאַפּין, גראָדנע, 1919